טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

מאמר התחזקות
א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

שנה ח | גליון 122 | בא - בשלח תשפ"ד לפ"ק

# צוויי קעגנזייטיגע עבודות

## 'איידער' דעם נסיון; טון אַלעס נישט אָנצוקומען צו אַזאַ מצב.
## 'בשעת' דעם נסיון; זיך שטאַרקן מיט התחזקות אין יעדן מצב.

### דער געהויבענער 'נזיר' וואס איז געווען אַן אויסנאַם

די גמרא דערציילט אונז אַ מורא'דיגער מעשה, וואָס טראָגט מיט זיך אַ געוואַלדיגע לימוד אויף אונזער לעבן.

דאָס איז אַ גמרא אין **מסכת נדרים** (דף ט:) אַז שמעון הצדיק האט קיינמאל נישט געגעסען פון קיין קרבן אשם וואָס אַ נזיר האָט געברענגט צום בית המקדש. בלויז איינמאָל האָט ער געמאַכט אַן אויסנאַם. דאָס איז געווען ווען ס'איז אַמאָל געקומען אַ נזיר פון דרום ארץ ישראל און האָט געברענגט אַ קרבן אשם. שמעון הצדיק האָט געזען אַז דער נזיר איז אַ בחור מיט שיינע האר, אַ שיינע צורה און שיינע אויגן, האָט ער געפרעגט דעם בחור: "וואָס האָט דיך באַוואויגן צו מקבל זיין נזירות אַז מ'זאָל דיך דאַרפן אָפּשניידן דיין גאַנצע האָר?".

האָט דער בחור פאַרציילט: איך בין געווען אַ פּאַסטוך פאר מיין טאַטנ'ס שאף. איינמאָל ווען ווען כ'בין געגאַנגען מיט די שאף צום קוואַל האָט זיך מיין צורה אָפּגעשפּיגלט אין דאָס וואַסער. **"פחז עלי יצרי וביקש להטרידנו מן העולם"** - דער יצר הרע האָט זיך געאיילט אויף מיר מיט אַ נסיון, און ער האָט מיך געוואָלט מאַכן פאַרלירן מיין רוחניות'דיגע וועלט.

האָב איך זיך אָנגערופן צום יצר הרע: "**רשע, למה אתה מתגאה בדבר שאינו שלך, במי שהוא עתיד להיות רמה ותולעה**" - "רשע, פאַרוואָס גרויסטו זיך מיט אַ זאַך וואָס איז נישט דיינס, מיט אַ גוף וואָס וועט ווערן דערפון ווערים", און כ'האָב זיך געשטאַרקט אויף אים. דעמאָלט האָב איך געשוואוירן אַז איך בין מקבל אויף זיך אַ 'נזירות' און כ'וועל אָפּשניידן דאָס גאַנצע האָר פאַר'ן אויבערשטן.

ווען שמעון הצדיק האָט געהערט די מורא'דיגע מעשה האָט ער געזאָגט "**בני, כמוך ירבו נוזרי נזירות בישראל**" - "מיין קינד, זאָל זיך פאַרמערן ביי אידן אַזעלכע נזירים אַזוי ווי דיך", און ער האָט יאָ געגעסן פונעם קרבן אשם פון דעם נזיר.

### די עיקר עבודה פון אַ איד דאַרף זיין נאָך איידער דער נסיון קומט אָן

דער הייליגער **קאזניצער מגיד זי"ע** פרעגט אין ספה"ק **עבודת ישראל** (פרשת נשא ד"ה ונבוא לבאר מצוות הנזיר), אַז לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין: וואס איז געווען דער חטא פון דעם בחור אז ער האט געדארפט אויף זיך מקבל זיין צו ווערן אַ נזיר? למעשה האט ער זיך דאָך מתגבר געווען אויף די נסיון! דער יצר הרע האט אים געוואלט מכשיל זיין אבער ער איז געבליבן ערליך! וואָס איז בכלל געווען זיין חטא וואָס צוליב דעם האָט ער געשפּירט אַז ער מוז יעצט ווערן אַ נזיר?!

ענטפערט דער קאָזניצער מגיד אַ יסוד נפלא, אַז טראָצדעם וואָס דער בחור האָט זיך טאַקע מתגבר געווען, אָבער אַן אמת'ער ערליכער איד דארף אַלעמאָל זען אַז ער זאָל אפילו נישט אָנקומען צו אַזאַ מצב פון 'פחז עלי יצרי'! די אמת'ע עבודה פון אַ איד איז צו זיין פולקאָם גרייט פון פריער, צו אַוועקנעמען אַלע סיבות, **אַז ער זאָל אפילו נישט קענען אַריינפאַלן אין אַזעלכע נסיונות!** אָט דאָס איז געווען אַ שטיקל פגם פאר דעם נזיר, **פאַרוואָס ער איז בכלל צוגעקומען צו אַזאַ סאָרט נסיון פון 'פחז עלי יצרי'**, ער וואָלט געדאַרפט זיכער מאַכן אַז ער קומט ניטאַמאָל אָן צו אַזאַ פּלאַץ! ע"כ.

### מצד אחד; זיך 'מתגבר זיין אויף נסיונות. מצד שני; 'מונע זיין נסיונות

אָט די הייליגע ווערטער באַלייכט אונז די אויגן צו פאַרשטיין און דערהערן דעם ריכטיגן צוגאַנג ווען עס קומט צו דער מלחמת היצר אויף דער וועלט.

פון איין זייט ווייסן מיר אַלע וויפיל די ספרים הק' גיסן מיט עמערס פון חיזוק אַז סיי ווען אַ איד טרעפט זיך אין אַ מצב פון 'נסיון' זאָל ער וויסן אַז **ס'איז נישט קיין פּראָבלעם צו האָבן אַ נסיון!** אדרבה, **'נסיונות' זענען אייגנטליך די גאַנצע סיבה פאַרוואָס מיר זענען דאָ אויף דער וועלט!** דער רבוש"ע שיקט אונז אונטער נסיונות ווייל דאָס איז אונזער עבודה, זיך צו שטאַרקן דערויף. און ווי די ספרים הק' זאָגן אַלע אַז ווען אַ איד איז זיך מתגבר אויף אַ נסיון האָט ער דערמיט מקיים

זכות הוצאת הגליון

נתנדב לע"נ האשה החשובה
מרת רחל ב"ר
שלמה ע"ה
יארצייט י"א שבט
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב אמן

זכות הפצת הגליון

נתנדב לע"נ האשה החשובה
מרת צירל
ב"ר יחיאל ע"ה
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב אמן

זכות הדפסת הגליון

נתנדב ע"י
מוה"ר יואל
וועכטער הי"ו
מגדולי התומכים בעיר מאנטריאל
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב אמן

## תוכן הגליון

צוויי קעגנזייטיגע עבודות ____ זייט 1
יאמרו המושלים / פערזענליכע מעשיות ____ זייט 3

געווען דעם גרעסטן רצון ה' און דאָס איז די עיקר תכלית פון אונזער נשמה!

ווידעראום פון דער אַנדערער זייט, זאָגט אונז דער קאָזניצער מגיד, אַז צומאָל ווערט דאָס פאַררעכנט אַלס אַ 'פגם' ווען אַ איד איז אַנגעקומען צו אַ מצב פון 'נסיון'. **דער מענטש איז עטוואָס שולדיג, ווייל ער וואָלט זיך געקענט מער אָפּהיטן נישט זיך צו טרעפן אין אַזאַ סיטואַציע;** ער וואָלט זיך געדאַרפט בעסער אָנגרייטן מיט אַ 'שמירה' אַז אַזאַ נסיון זאָל אים נישט אָנטרעפן!

## האיך יתקיימו שניהם?! וויאַזוי אַרבעטן די צוויי זאַכן צוזאַמען?!

מיט אַן אויבערפלעכליכן בליק קען זיך דאַכטן אַז דאָס זענען צוויי קעגנזייטיגע מהלכים וואָס קענען נישט שטימען אינאיינעם.

נעמליך, אָדער לעבט מען מיט דער התחזקות אַז דער רבוש"ע שיקט נסיונות און מיר זענען דאָ כדי זיך צו שלאָגן און זיך שטאַרקן אויף די נסיונות; אָדער באַשולדיגט מען זיך אַז מיר וואָלט געדאַרפט בעסער אַכטונג געבן, נישט צוצוקומען בכלל צו דעם נסיון. אויבנאויף קוקט עס אויס ווי אַ שטיקל סתירה צווישן די ביידע מהלכי המחשבה.

## לבוחן לבבות; טראַכט אַריין אויב דער נסיון וואָלט געקענט פאַרמיטן ווערן

אָבער באמת, לערנט אונז דאָ דער הייליגער עבודת ישראל אַ געוואַלדיגע קלאָרקייט, וואָס מיר דאַרפן דאָס מיטנעמען אַלעמאָל, צו האָבן דעם 'שיקול הדעת', וויאַזוי צוצוגיין צו דעם מלחמת היצר, מיט אַ ריכטיגן בליק.

אודאי איז הונדערט פראָצענט ריכטיג די אַלע הייליגע דברי חיזוק פון ספרים הק' אַז יעדע נסיון איז געמאַכט געוואָרן צו אויפהייבן דעם מענטש און מקיים זיין דעם רצון ה'.

אָבער גלייכצייטיג איז אַסאַך מאָל פאַרהאַן אַ מציאות, וואָס עס לוינט זיך נישט צו נוצן די סאָרט ווערטער אויף נישט ריכטיגן אופן. ווען אַ איד ווייסט ביי זיך אינעווייניג אַז דאָסמאָל האָט ער אליינס גורם געווען אַז ס'זאָל אונטערקומען אַ מצב פון אַ נסיון. ער אַנערקענט אַז **מעגליך האָט ער נישט געווען אַכטונג געגעבן פריער און דעריבער האָט געקענט פאַסירן אַז ער זאָל צוקומען צו אַ נסיון.** אין אַזאַ פאַל דאַרף זיך אַ איד אַליין פאַרהאַלטן: **פאַרוואָס בין איך טאַקע צוגעקומען צו דעם מציאות פון 'פחד עלי יצרי'?!** איך וואָלט געדאַרפט מער אַכטונג געבן!

לאידך גיסא, איז דאָ מערערע פעלער ווען דער מענטש ווייסט און שפירט קלאָר אַז בלויז דער רבוש"ע האָט אים געשיקט דעם נסיון. דער מענטש האָט נישט געהאַט קיין שום מעגליכקייט בדרך הטבע זיך צו באַוואָרענען דערויף בעפאָר. אָט דעמאָלט דאַרף מען גוט געדענקן אַז מען זאָל נישט ווערן אַראָפּגעקלאַפּט דערפון, נאר מ'זאָל וויסן אַז **השי"ת האָט מיך יעצט געשיקט דעם נסיון, ווייל דאָס איז מיין תפקיד אויף דער וועלט** - זיך צו קריגן און מלחמה האַלטן מיט'ן יצר כסדר! דאָס איז די גרעסטע נחת רוח וואָס איך קען ברענגען פאַר'ן רבוש"ע!

## פאַרמיידן נסיונות מיט דער ריכטיגער הכנה

זעלבסט פאַרשטענדליך אַז די ווערטער פונעם הייליגן קאָזניצער מגיד זי"ע זענען נישט געזאָגט געוואָרן בלויז ווען מען האָט זיך ממש אָנגעברענגט דעם נסיון 'בידים' חלילה, נאר דאָס איז נוגע **אויך ווען מען וואָלט זיך געקענט מונע זיין פון בכלל אָנקומען צו דעם 'מקום נסיון',** אָדער מען וואָלט געקענט מוסיף זיין מער 'שמירה', מיט 'גדרים וסייגים' אַז דער נסיון זאָל נישט קענען פאַסירן.

יעדער איד קען זיך אַליינס מתבונן זיין, אויב וואָלט ער מעגליך זיך געקענט מער פאַרמיידן פון אָנקומען לידי נסיון, דורך נישט אַזוי סאַך אַרומקוקן, דורך נישט זיין אַזוי נייגעריג, דורך נישט גיין אויף יענעם פלאַץ, אדער נישט פארמאגן געוויסע זאכן וואס ברענגען אים לידי נסיון, א.א.וו.

נאָכמער, צומאָל וואָלט אַ איד געקענט זיך ראַטעווען פון אָנקומען צו אַזאַ פלאַץ, **אויב וואָלט ער זיך בעסער אָנגעגרייט דורך לערנען 'דברי חיזוק' אויף דער נושא;** אָדער אויב וואָלט ער מתפלל געווען בעסער אַז השי"ת זאָל אים ראַטעווען פון מכשולות; אָדער אויב וואָלט ער זיך בעסער איינגע'חזר'ט וויאַזוי זיך צו היטן די אויגן אַזוי אַז ווען ס'קומט למעשה אַ נסיון זאָל ער נישט ווערן פאַרלוירן.

## דרייסיג טעג הכנה בעפאָר זיך טרעפן מיט דער גאַס

אַזוי שרייבט טאַקע דער הייליגער **'תולדות יעקב יוסף** (וישלח ד"ה עוד)[1] אַז איידער מען גייט אַרויס צו דער דרויסנדיגער גאַס פון 'נסיונות', **דאַרף מען האָבן כאָטש 'דרייסיג טעג' פון הכנה בעפאָר!** מען דאַרף זיך אָנגאַרטלען און זיך אָנשעפן מיט העכערקייט און קדושה, כדי אַז ווען מען טרעפט זיך מיט די נסיונות פון דער גאַס זאָל מען שוין זיין אָנגעזאַפּט מיט אַ שטאַרקייט נישט צו דורכפאַלן חלילה!

אויפ'ן גרויסן **בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל** דערציילט מען[2] אַז מחמת חולשת גופו פלעגט ער אַרויסגיין שפּאַצירן יעדן טאָג אויף דער פרישער לופט.

אָבער יעדן איינציגן טאָג, איידער ער איז אַרויס אויף דער גאַס, האָט דער בריסקער רב גענומען דעם ספה"ק

המשך אויף זייט 4 »



אלו המושלים ביצרם
(ב"ב עה:)

# ויאמרו המושלים

פערזענליכע געשיכטעס וויאזוי אידן פארמעסטן זיך **היינטיגע צייטן** מיט **היינטיגע נסיונות.**

## פראטעקציע אין וויליאמסבורג

א גרויסן יישר כח פאר'ן גליון, איך האב מורא'דיג הנאה דערפון.

איך בין נאך אונטער דער השפעה פון א בריוו וואס איז געווען אינעם גליון א צייט צוריק פון "א פשוט'ן בעל הבית", וואו ער שרייבט אז ער האט געקויפט גלעזער אן א נומער. זינט דעמאלט האב איך אנגעהויבן אויסטון מיינע לענסעס גייענדיג אין גאס.

יעצט צו מיין מעשה: פארגאנגענעם ערב יום כיפור האב איך אויפגעהאנגען אויף דער טיר פון מיין הויז די תפילה אויף שמירת עינים פון הגה"ק רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א וואס איר האט פארשפרייט. איך האב געטראכט ביי מיר - לאו דווקא באופן קבלה, נאר סתם א מחשבה - אז איך גיי דאס אנהייבן זאגן יעדן טאג.

שוין א שטיק צייט וואס איך זיך צו דינגען א דירה אין וויליאמסבורג. אינעם פערציגסטן טאג פון ערב יום כיפור האב איך ב"ה געטראפן א פיינע דירה אין א גוטן געגנט, גוטע שכנים, א גוטער לענדלארד, און גאנץ א נארמאלער פרייז לויט'ן היינטיגן מארק. איך האב מיך ממש נישט געהאט געראכטן אויף דעם. ווועמען איך דערצייל וואס איך האב געטראפן קען נישט גלייבן אז אזא דירה איז געווען אדווערטייזט, און אז איך האב דאס באקומען אן קיין שום פראטעקציע.

אדער אפשר האב איך יא געהאט פראטעקציע? וואס קען זיין בעסערע פראטעקציע ווי סייעתא דשמיא?

אסאך הצלחה אויף ווייטער!

י.ג.

## ארויס פון תפיסה

לכבוד מערכת "טהור עינים".

איך וויל דערציילן א שטארקע מעשה, וואס ווייזט דעם הבא ליטהר מסייעין אותו - ווען א איד טוט וואס ער קען צו זיין אפגעהיטן, העלפט מען אים פון הימל אויספירן זיין רצון.

איך דאוון יעדן טאג שחרית אין א שטיבל מיט א מנין פון חשוב'ע יונגעלייט. ס'איז א געהויבענע דאווענען, מיט א רואיגקייט און געשמאק, און איך טרעף מיך זייער דעם פלאץ דארט.

איין פראבלעם איז אבער געווען וואס האט מיר שטארק געבאדערט: יעדן זונטאג איז געקומען א רוימערקע ריינגן דעם בית מדרש. זי פלעגט קומען אין דער צייט וואס יונגעלייט האבן זיך דארט געפונען, און ווי פארשטענדליך האט דאס שטארק געשטערט. איך בין געגאנגען צום בעל הבית רעדן דערוועגן, פרעגנדיג צי ס'איז שייך זי זאל קומען א צווייטע צייט. ער האט געשאקלט מיט'ן קאפ, זאגנדיג ער וועט זען וואס ער קען מסדר זיין, אבער למעשה האט זיך גארנישט געטוישט;



"יעצט," פארציילט ער ווייטער, "באקום איך א ידיעה אז דער גוי קומט שוין ארויס פון תפיסה, און ער קומט ווייטער ארבעטן ביי מיר. אלזא, פון היינט און ווייטער וועט ער ריינגן דעם בית מדרש יעדע וואך!"

אפנים, ער האט זיך נישט צופיל געקימערט דערמיט.

זעענדיג אז די זאך ווערט נישט מסודר, האב איך באשלאסן צו טון א דראסטישע זאך. איך בין צוגאנגען צום בעל הבית, און אים געזאגט אז איך בין גרייט צו טון די ארבעט פון דער רוימערקע. איך וועל קומען יעדע וואך ריינגן דעם בית מדרש, און זי זאל מער נישט אריינקומען דא. פארשטייט זיך אז ס'איז נישט געווען לייכט צו מאכן אזא אנבאט, ס'איז נישט די געשמאקסטע ארבעט צו שטיין מיט'ן בעזעם און מאפ, אבער ס'איז מיר געגאנגען אין לעבן און איך האב באשלאסן צו לייגן מיין אומבאקוועמליכקייט אין א זייט.

דער בעל הבית האט גראדע הנאה געהאט פונעם איינפאל. ער האט זיך אנגעטראגן מיר צו צאלן פאר דער ארבעט, אבער איך האב געזאגט אז איך וויל עס טון אומזיסט, לשם מצוה. אז איך טו א מצוה וואס קומט מיר אן שווער, זאל דער שכר זיין בשלימות.

דער בעל הבית איז געווען צופרידן אז ער דארף נישט צאלן פאר דער רוימערקע, און איך בין געווען צופרידן אז די יונגעלייט וועלן מער נישט נכשל ווערן יעדע וואך. אבער ביי מיר אין שטוב איז מען נישט געווען אזוי צופרידן. מיין ב"ב האט געשפירט אז די ארבעט פון רוימען איז נישט לפי כבודי, און זי האט זיך נישט אזוי צוגעכאפט דערצו. ענדליך איז געבליבן אז איך קען עס טון בתנאי אז קיינער וועט נישט וויסן דערפון.

אין דער שול איז דא יעדע וואך מוצאי שבת א מלוה מלכה, וועלכע ציט זיך אריין ביז די שפעטע נאכט שעות. דאס האט געמיינט אז איך וועל דארפן אויף בלייבן ביז שפעט צו ווארטן ביז ס'ווערט ליידיג, און דאן וועל איך מיך נעמען צו דער עבודת הקודש, אן דעם וואס אנדערע זאלן מיטהאלטן. אבער איך האב באשלאסן נישט צו קוקן אויף גארנישט, און טון די ארבעט אפגעזען וואס דאס וועט פאדערן.

סוף פון יענער וואך האב איך מיך געגרייט אויפ'ן ערשטן מוצאי שבת, און איך בין צוגעגאנגען צום בעל הבית איבערשמועסן געוויסע פרטים. אבער צו מיין גרויס ערשטוינונג זאגט ער מיר אז ס'פעלט נישט אויס, די גוי'טע וועט מער נישט קומען.

וואס איז? פארציילט מיר יענער אזוי:

"איך פלעג האבן אמאל א גוי וועלכער האט געארבעט פאר מיר. ויהי היום האט דער גוי זיך פארפלאנטערט און ער האט געדארפט גיין זיצן אין תפיסה, און די פרוי פון דעם גוי האט זיך אנגעטראגן אז זי וויל קומען ארבעטן אנשטאט אים. האב איך איר גענומען צו ריינגן דעם בית מדרש.

"יעצט," פארציילט ער ווייטער, "באקום איך א ידיעה אז דער גוי קומט שוין ארויס פון תפיסה, און ער קומט ווייטער ארבעטן ביי מיר. אלזא, פון היינט און ווייטער וועט ער ריינגן דעם בית מדרש יעדע וואך!"

אז מ'מיינט עס אמת'דיג און מ'איז גרייט צו טון וואס מ'קען, העלפט דער אויבערשטער מ'זאל קענען זיין אפגעהיטן!

(-)

צו מיטטיילן א מעשה פון אייער ערפארונג פאר דעם קאלום, רופט: 845.999.4114 עקס. 1-2

המשך פון זייט 2

'מסילת ישרים' און אַריינגעקוקט דערינען במשך א קורצע צייט, כדי זיך צו אָנשעפּן מיט יראת שמים, איידער ער גייט אַרויס אויף דער גאס!

## ווען די קרענק איז גרעסער, דאַרף מען האָבן שטאַרקערע מעדיצין

אַמאָל איז אַריינגעקומען צום **בריסקער רב** זצ"ל זיין זון, **הגאון ר' יאָשע בער ז"ל**, און ער האָט אים געטראָפן זיצן און לערנען דעם ספר הק' 'מסילת ישרים' מיט אַן עמקות. דאָס האָט אַזוי פאָרגעזעצט פאר אַ לענגערע צייט, במשך א האַלבן טאָג!

ס'איז אים געווען א גרויסן וואונדער, וויבאלד אין בריסק האט מען דאָך נישט געלערנט צופיל מוסר און זיכער נישט א האַלבן טאָג און ביים בריסקער רב איז יעדע איינציגע מינוט געווען אויסגערעכנט און זייער טייער. דעריבער האָט אים זיין זון געפרעגט שפּעטער: "וואָס איז געווען פּשט פון לערנען אַזוי לאַנג מסילת ישרים?!"

האָט אים דער בריסקער רב ערקלערט ווי פאָלגנד:

"אין בריסק האט מען זיכער אויך געלערנט מוסר, נאר מ'האט געהאלטן אז וויבאלד מוסר איז א רפואה, דעריבער ווענדט זיך עס אין ווי גרויס די 'מחלה' איז; אויב איז די מחלה נישט צו גרויס, דאן איז גענוג אז מ'לערנט אביסל מוסר. **אָבער דאָס איז זיכער אַז אויב איז די מחלה גרעסער, פאָדערט זיך צו האָבן מער פון דער רפואה – צו לערנען מוסר!"**

"אין דעם היינטיגן טאג", האָט דער בריסקער רב ממשיך געווען, "דארף איך האָבן גאר אסאך פון דער 'רפואת המוסר'! וויבאלד איך פאָר באַלד ארויס אויף די וועגן, און אויף די וועגן דארף מען דאָך אַ געוואַלדיגע שמירה אַז מ'זאָל קענען ריכטיג זיך היטן די אויגן און נישט נכשל ווערן מיט קיין איין ראיה אסורה.

"דעריבער האָב איך געשפּירט אַז איך דאַרף זיך אָנפילן מיט אַ גרעסערע דאָזע מעדיציןǃ מיין קערפּער דארף האָבן אַסאַך פון די רפואות, כדי ס'זאל פארמאגן די כוחות זיך צו קענען גוט שלאגן מיט די מחלות וואס דרייען זיך אינדרויסן!"[3]

## יעדע מחשבה פון קדושה איז אַ 'שמירה נפלאה'

אָט דאָס איז געווען דער ריינער בליק פון צדיקים, **וואָס האָבן ממש געציטערט איידער זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ 'מקום נסיון'** און זיי האָבן טאַקע זיך אָנגעגרייט מיט אַן אויסטערלישע שמירה, כדי נישט צו אָנקומען צו דאָס מינדסטע מצב פון נסיון, אפילו לפי גודל קדושת מדרגתם!

מיר זענען טאַקע נישט אויף דער הויכער מדריגה, אָבער **ס'איז זיכער אַז עפּעס פאָדערט מען פון אונז אויך**, אַז מיר זאָלן פּרובירן זיך צו פאַרמיידן פון נסיונות לויט וויפיל מיר קענען יאָ! כאָטש זאָלן מיר אַריינלייגן אַביסעלע מחשבה איידער מען טרעפט זיך אין אַ מצב פון נסיון!

יעדער איד, לפום דרגא דיליה, קען טראַכטן און זיך מאַכן אַ שטיקל פּלאַן, וויאַזוי זיך צו בעסער באַהיטן אַז ער זאָל נישט אָנקומען צו קיין מציאות פון 'פחז עלי יצרי'. מיר קענען אַלע **זיך אָנגרייטן מיט הייליגע ווערטער פון צדיקים און פון ספרים הק', איבער דאָס גרויסקייט פון שמירת עינים** און איבער דאָס חשיבות פון זיך מתגבר זיין, וואָס **דעמאָלט וועט אונז זיין אַסאַך לייכטער צו פאַרמיידן נסיונות בעזרת השי"ת!**

## חזק ויאמץ לבך; דאָס חשיבות פון זיך שטאַרקן אויך ווען מ'איז אַליין שולדיג

געוויס איז אויך וויכטיג צו אַלעמאָל געדענקן און האַלטן פאַר די אויגן אַז אפילו אויב מען האָט זיך געטראָפן אין אַ 'נסיון', וואָס מען וואָלט אפשר געקענט פאַרמיידן מיט מער זהירות בעפאָר, זאָל מען חלילה נישט אויפגעבן צוליב 'חלישות הדעת', נאר מ'זאָל וויסן אַז **'יעצט' איז דער רצון ה' אַז מיר זאָלן זיך שטאַרקן מיט אַלע כוחות אויף דעם נסיון!** מעגליך אַז דער מענטש איז טאַקע נישט געווען אַזוי נזהר און צוליב דעם איז ער צוגעקומען צו אַ נסיון, אָבער טראָץ דעם גאַנצן 'עבר', אויב ער גייט זיך אַצינד מתגבר זיין, **וועט דאָס טראָגן אַ געוואַלדיגע חשיבות אין הימל** און עס וועט זיכער ברענגען אַ מורא'דיגע נחת רוח פאַר השי"ת וואָס מיר קענען ניטאַמאָל משיג זיין!

דאָס לערנען מיר טאַקע פון אָט די מעשה מיט'ן 'נזיר', וואָס שמעון הצדיק האָט געגעסן בלויז פון זיין קרבן, כדי צו צייגן לדורות עולם **די אויסטערלישע חשיבות און שעצונג פאר אַזאַ התגברות!** אויך נאָכדעם וואָס ער האָט זיך געטראָפן אין אַ נסיון צוליב נישט גענוג זהירות.

אָפּגעזען די סיבה וואָס האָט אונז געברענגט לידי נסיון, אויב שטאַרקט מען זיך דערנאָך, **דעמאָלט איז דאָס חשוב ומקובל לפני המקום, עד כדי כך אַז אפילו שמעון הצדיק האָט געכאַפּט אַזאַ התפּעלות דערפון!**

---

א. **תולדות יעקב יוסף:** "בנוהג שבעולם סוחרי ברעסלי מעמיד בהמתו שלשים יום על אבוס, ושלשים יום בבואו מברעסלי. ואם כן היה ראוי לבעלים ישראל עמי להתבונן גם כן, כי עוברי דרכים שעוברין בדרך על דרכי תורה שאינן יכולים ללמדו, וידוע מה שאמרו חז"ל ההולך בדרך יחידי (אבות פ"ג מ"ד), ומפרש **במדרש שמואל** שהולך בלא תורה ח"ו, מתחייב בנפשו. וכשאין לו תבלין של תורה נגד היצה"ר, יש לחוש שלא ילכוד בעצת יצה"ר, הן בראיה והסתכלות נשים, או בשמיעה ודיבור, או במעשה ח"ו וכו'. ועל כל פנים היה ראוי שיעשה לעצמו תקנה כמו לבהמתו, שיתבודד שלשים יום קודם יציאתו לדרך, ויתקשר את עצמו בו יתברך".

ב. רשומים בשמך עמוד תלז, מובא בבקודש חזיתיך פרק יח, בשם ר"י סלבודקא הגאון ר' ברוך ראזענבערג זצ"ל שהיה לו שיעור קבוע עם הרב מבריסק זצ"ל.

ג. הגה"צ ר' גמליאל רבינוביץ שליט"א, בשם הרה"ג ר' אברהם יעקב עפשטיין שליט"א.


טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך
845.999.4114
נאכן דריקן 1 פאר אידיש
1 נדבה ליין
2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3 הפצה אפטיילונג
4 אויפסיינען אויף אימעיל
9 מערכת אפטיילונג
7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org
המערכת בלשה"ק 077.401.6591
כתובת המערכת בשה"ק: עבודת ישראל 26, ירושלים 9515528
המערכת בענגליש: 732.532.2242
המערכת בספאניש: 054-115-219-8810
"טהור עינים" זוכט געטרייע אידן וואס זענען גרייט אפצושרייבן מעסעדשעס וואס פליסן אריין צום מערכת. אויב זענט איר גרייט ארויסצוהעלפן, אדער אויב ווילט איר העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות, רופט אריין 845.999.4114 #1-9

ברכות אין השפעות
דורכ'ן מזכה זיין כלל ישראל מיט שמירת עינים
הצלחה אין פרנסה — זוהר הקדוש
ערליכע קינדער — זוהר הקדוש
עשירות — אמרי נועם ועוד
רפואת הגוף והנפש — הרה"ק רבי ליבל'ע אייגער
מחילת עוונות — עטרת יהושע
הצלחה בתורה — בית אברהם ועוד
הצלה ממאורעות הזמן — הרה"ק רבי אורי מסטרעליסק
אריכות ימים ושנים — אבן עזרא
יראת שמים — דברי שמואל
קרבת אלקים — רבינו בחיי ועוד
ניצול מצער גידול בנים — הרה"ק רבי אורי מסטרעליסק
שמירה מכל רעה — תפארת שלמה ועוד
זכות הוצאת הגליון $6,000
זכות הדפסת הגליון $1800
חלק בהפצת הגליון:
זכות עמוד בגליון $900
זכות 2,000 גליונות $360
זכות 1,000 גליונות $180
מזכי הרבים | חודש'ליכע שותפים
$100 לחודש
$50 לחודש
$25 לחודש
24 שעה
845.999.4114 עקס. 1-1
כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו

מודעה משמחת
צו באשטעלן דעם קונטרס
"אן אפגעהיטענעם נסיעה"
רופט: 802.327.3592
שטארק געאייגענט פאר קבוצות וואס פארן א נסיעה
נ.ב. ביטע רופן גענוג פרי כדי עס זאל נאך קענען ווערן דעליווערט אין צייט איידער די נסיעה





על הטוב יזכר
זכות 1000 גליונות
מוה"ר **בנימין שאלאמאן** הי"ו / מוה"ר **שמעון אקערמאן** הי"ו לרגל הולדת בתו למז"ט / מוה"ר **חיים בצלאל בלום** הי"ו / מוה"ר **אהרן משה פריעד** הי"ו / לע"נ הרה"ח ר' **יחזקאל צבי** ב"ר **חיים ישעי' אשר** ע"ה / **לזכות הנדבן** - לברכה והצלחה בכל ענינים